אויף קיין איינעם פון זיי; זיי זענען בלויז געווען
17 געטובלט אינם נאָמען פון דעם האַר ישוע. דאַן
האָבן זיי אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיי, און זיי
18 האָבן באַקומען דעם רוח הקודש. און ווי שמעון
האָט געזען, אַז דער רוח הקודש איז געגעבן געוואָרן
דורך דעם אַרויפלייגן די הענט פון די שליחים,
19 האָט ער געבראַכט געלט צו זיי, און געזאָגט:
גיט מיר אויך די דאָזיקע מאַכט, כדי ווען איך וועל
אַרויפלייגן די הענט אויף עמיצן, זאָל ער באַקומען
20 דעם רוח הקודש. פּעטרוס אָבער האָט צו אים
געזאָגט: דיין זילבער זאָל בלייבן ביי דיר צו (דיין)
פאַרדאַרבונג, ווייל דו האָסט בדעה געהאַט צו
21 קויפן די מתנה פון ג־ט מיט געלט. דו האָסט נישט
קיין חלק און נישט קיין נחלה אין דער דאָזיקער
זאַך, וואָרום דיין האַרץ איז נישט אויפריכטיק פאַר
22 ג־ט. דעריבער טו תשובה פון דער דאָזיקער
שלעכטסקייט דיינער, און טו תפילה צום האַר (ג־ט),
אפשר וועט דיר פאַרגעבן ווערן די מחשבה פון דיין
23 האַרץ. וואָרום איך זע, אַז דו ביסט אין דער גאַל
24 פון ביטערקייט און אין דעם בונד פון רשעות. און
שמעון האָט ענטפערנדיק געזאָגט: זייט איר מתפלל
פאַר מיר צום האַר (ג־ט), אַז קיין זאַך זאָל נישט
קומען אויף מיר, פון וועלכע איר האָט גערעדט.
25 און עדות־זאָגנדיק און רעדנדיק דאָס וואָרט פונם
האַר, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושלים, און
אָנגעזאָגט (אונטערוועגנס) די גוטע בשורה אין פיל
שומרונישע דערפער.
26 און אַ מלאך פון האַר (ג־ט) האָט גערעדט צו
פיליפּוסן, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, און גיי קיין
דרום זייט אויף דעם וועג, וואָס פירט אַראָפּ פון
27 ירושלים קיין עזה; דער זעלביקער איז וויסט. און